הויכער זמן, און דער נפש איז א הויכער נפש, די אלע דריי צוזאמען זענען פועל פי כמה וואס יעדעס אליין קען פועל זיין, נישט נאר ווייל ס'איז דריי מאל און יעדער האט אין זיך דעם כח, נאר ס'איז א געוואלדיגער יחוד ווען ס'קומט זיך צוזאם אלע דריי, ממילא ווערט דאס פארשטארקערט אסאך אסאך מאל מער.

מיר דארפן מעורר זיין אונזערע נפשות אויסצונוצן די געלעגנהייט. מ'זאל מתפלל זיין ווי א בר דעת, ווי א בעל שכל, מעומק הלב, מתפלל זיין מיט אן אמונה אז דער אויבערשטער איז א שומע תפלת כל פה, מתפלל זיין בזכות הצדיק, מתפלל זיין אויף גלות השכינה, **ימלא ד' כל משאלותיך** (תהלים כ, ו), ווי דער **בעל שם הקדוש** האט געזאגט (מובא במבשר צדק פ' פקודי ד"ה או יאמר), אז אלע בקשות דארפן זיין ס'זאל נתמלא ווערן דער שם און ס'זאל שוין זיין דער גאולה, מ'זאל זיך אויפהייבן העכער, נישט טראכטן פון זיך.

איז דאס א געוואלדיגער עת רצון, מ'דארף דאס אויסצונוצן. זאל דער אויבערשטער העלפן מ'זאל זוכה זיין גוט צו בעטן און צו פועל'ן אלעס גוטס, און טאקע אויס'פועל'ן די גאנצע ישועה. קודם וועל'מיר זאגן נאך קאפיטלעך תהלים, נאכדעם וועט דער עולם אריינגיין, מ'איז זוכה מ'גייט אריין אין אזא הייליג אהל, זאל מען אויסנוצן די מינוטן מיט ריינע מחשבות, מיט הייליגע מחשבות, מיטווארימע תפלות. און מ'זאל'מיר זוכה זיין צו פועל'ן די גאולה שלימה בביאת משיח צדקנו במהרה בימינו, אמן.

לאחר הדברות קודש מפורש יוצא מפי כ"ק רבינו שליט"א המשיכו באמירת התהלים מקאפיטל ק"ג עד קאפיטל ק"ז בהתלהבות רבה ועצומה. ועם סיום אמירת התהלים, נכנס כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א אל תוך האהל, ואתו עמו בני המשפחה בלבד, והשתטח על הציון הקדוש ושפך לבו כמים בתפלתו בהתעוררות עצומה, כאשר כל עצמותיו התרעשו בפחד משגב קדושת המקום כי נורא הוא, וינועו אמות הסיפים.



אתדבקות רוחא ברוחא רבינו שליט"א משתטח על ציון קודש הקדשים

מסע הקודש • חודש אלול תשע"ה לפ"ק



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
מסע עזרת אבותינו מערכת בית צדיקים (באבוב) עמוד מס : 93 הודפס ע"י אוצר החכמה